# דער אלף בית

(אַ פאַנטאַסטישער טעאַטער־שפּיל אין צוויי בילדער)

## פּערזאָנען:

דבורהלע.
די מאַמע.
דער אלף בית פּערזאָניפיצירט.

## דירעקציעס פאַר די קאָסטיומען:

די קאָסטיומען קענען זיין געמאַכט פון ווייסע מאַזלין. דער קאָסטיום דאַרף געבן די אילוזיע פון אַ בלאַט פון אַ בוך. ער איז דערפאַר אין ערגעץ ניט פאָרמירט און ניט געזוימט. צוויי גלייכע ליינגען ביז די קני, ניט צו ברייט. די נעט פאַרנייט ברייט אויף דער רעכטער זייט, אויבן אָפן געלאָזט שטיקלאך דורכצונעמען די הענט. פאַר׳ן קאָפּ דורכצונעמען איז אָפן געשניטן אַ גלייכער שניט.

פראָמינענט איבער׳ן קאָסטיום ווערט אויסגעמאָלן אין לעבעדיקע פאַרבן דער אות, וואָס ווערט רעפּרעזענטירט. פאַרנט אַ געדרוקטן, הינטן אַ געשריבענעם. כדי דער קאָסטיום זאָל זיך ניט פאַלדעווען, נייט מען אונטער שטייפע פּאַפּיר אויפ׳ן לינקן זייט.

דאָס היטל קען זיין געמאַכט פון פּאַפּיר, פאָרנט און הינטן פּיראַמידפאָרמיק. אויף די פּיראַמידן איז אויסגעמאָלן דער אות, זייער דעקאָראַטיוו, געפּוצט מיט גאָלד. דאָס היטל גיט די אילוזיע פון אַ פאַנטאַסטישע קרוין.

# ערשטע בילד

אַ קינדער־צימער. דבורה'לע זיצט מיט אַ אידישן לער־ביכל אין האַנט. זי איז שטאַרק פאַראינטערעסירט. עס הערט זיך פון צווייטן צימער דער רעקאָרד: דער טאַנץ פון די פליטן פון מושיקאָווסקיס „ניס קנאַקער סוויט".

מאַמעס שטימע: דבורהלע! האָסט איבערגעלאָזט די מילך. די איי האָסטו אויך ניט געגעסן. קום אריין און עס אָפּ!

דבורהלע: מאַמע, קום אַריין, וועסטו זען ווי איך קען שוין לייענען. (זי זינגט דעם טאַנץ פון די פלייטן).

מאַמעס שטימע: אָבער איך זאָג דאָך דיר, קום אַריין עסן!

דבורהלע: הערט איר ניט נעמט איר טאָוול מיט קרייד, שרייבט און רופט אויס) אַן אַלף! אַ בית! א גימל! א דלד!

מאַמעס שטימע: דבורהלי, קום אַריין אָפּעסן! קום גיכער!

דבורהלע: איכל ניט טרינקען די מילך און איכל ניט עסן די איי! איך וויל ניט! (זינגט און שרייבט).

מאַמעס שטימע! דבורהלע! איכל זיך ניט גיין אויסעסן דאָס האַרץ מיט דיר, קום אַריין, זאָג איך דיר!

דבורהלע: (מאַכט זיך ניט הערנדיק, רעדט צו זיך) אַ יוד איז גאָר אַ קליינינקער, מ'דאַרף אים רופן יודעלע. יודעלע קאַפּו־דעלע. (סיקומט אַריין די מאַמע אַ בייזע).

מאַמע: אַ מויד פון זיבן יאָר, און מ'קען איר פון די צאַצקעס ניט אָפּרייסן!

דבורהלע: (באַליידיקט) אָבער איך האָב זיך ניט געשפּילט מיט צאַצקעס. איך לערן זיך לייענען אין ביכל און שרייבן אויפן טאָוול. (זי קלייבט זיך וויינען. די מאַמע דערזעט דעם טאָוול, ווערט גוט).

מאַמע: דאָס האָסטו געשריבן?

דבורהלע: (מיט אַ וויינענדיקער שטימע) יאָ, איך קען אָנ־שרייבן אַלע אותיות און איך קען לייענען (צעוויינט זיך אויפן קול) און איך האָב אַזוי פיינט מילך!

מאַמע: נו, נו, שוין, שוין. ווערסטו היינט קיין מילך ניט טרינקען. לאָמיך זען ווי דו שרייבסט.

דבורהלע: (גיט זיך ניט אונטער, שרייבט וויינענדיק) און דאָס איז אַ למד, אַ למד איז אַ הויכער, אַ שיינער, און דאָס איז אַ מעם.

מאַמע: זייער פֿיין, מיין קינד. לערן זיך טאַקע אויס שרייבן. וועסט קענען שרייבן אַ בריוועלע צו דער באָבן. די באָבע וועט דיר שיקן אַ שיינע מתנה.

דבורהלע: (פֿאַרגעסט זיך אַז זי וויינט, דער פֿרייט זיך) וואָס פֿאַר אַ מתנה וועט זי מיר שיקן?

מאַמע: איך ווייס ניט וואָס פֿאַר אַ מתנה, אָבער זי וועט זיך שטאַרק דערפֿרייען און זי וועט דיר שיקן אַ מתנה.

דבורהלע: מאַמע, מתנה איז אַזאַ שיינער וואָרט. לאָמיך זען צי איך קען עס אויפֿשרייבן (שרייבט), מאַ־טאָ־נע. —

מאַמע: מיין קינד, מתנה איז אַ העברעאיש וואָרט, לאָז וועל איך עס דיר אויפֿשרייבן. (זי שרייבט עס אויף).

דבורהלע: דאָס איז ניט ריכטיק, מאַמע. דו האָסט פֿאַרגעסן דעם אַ און דעם אָ און דעם ע.

מאַמע: אַזוי שרייבט מען אויף העברעאיש. ס'איז אַן אַלטע שפּראַך. נו, איצט לאָז איבער דאָס שרייבן און קום אַריין פּראַקטיצירן פּיאַנאָ, ס'ווערט שפּעט. דיינע חבר'טעס וועלן שוין באַלד קומען צו דיין געבורטס־טאָג שמחה. דו דאַרפֿסט זיך נאָך אויספּוצן.

דבורהלע: מאַמע, אָבער איך וויל ניט פּראַקטיצירן פּיאַנאָ. איך האָב עס פֿיינט.

מאַמע: נו, מאַך ניט קיין שטיק. זעץ זיך ביי דער פּיאַנאָ.

דבורהלע: (הייבט אָן וויינען) איך וויל ניט פּראַקטיצירן, דער זייגער גייט אַזוי לאַנגזאַם. איכל ניט גיין!

מאַמע: נו גוט נו, גיי ניט. איכל אָפּרופֿן דיינע חברטעס אַז זיי זאָלן היינט ניט קומען, ס'וועט ניט זיין קיין געבורטסטאָג שמחה, און זונטיק אין טעאַטער וועל איך דיר אויך ניט נעמען.

(זי גייט אַרויס. דבורה'לע זיצט און וויינט מיט'ן טאָוול אין שויס און מיט די קרייד אין האַנט. עס הערט זיך ווידער דער רעקאָרד

„דער טאַנץ פון די פליוטן". דבורה'לע פאַרלירט דעם חשק צו וויינען. עס ווערט איר לאַנגווייליק. זי שלאָפט איין אונטער די מוזיק און עס פאַלט ארויס דער טאָוול פון איר שויס און די קרייד פון איר האַנט).

פאָרהאַנג.

# צווייטע בילד

די סצענע ווי אין ערשטן בילד, נאָר גרעסער. אין הינטערגרונט איז עפּעס פאַרצויגן מיט אַ פאַרביקן פאָרהאַנג. דבורה'לע זיצט און שלאָפט ווי זי איז געבליבן אין ערשטן בילד.

די מוזיק שפּילט די מעלאָדיע פון „אויפ'ן פּריפּעטשיק", וואַרשאַווסקי.ס. עס עפנט זיך דער פאָרהאַנג און עס ווייזט זיך אַ לערבוך, די גרויס פון אַ טיר. די מוזיק גייט איבער צו ליד נומער 2 פון לאַזאַר סאַמינסקי'ס בוך „צען אידישע לידער". צו דער ערשטער מעלאָדיע טאַנצט ארויס פון בוך דער אלף, צו דער צווייטער מעלאָדיע זינגט ער זיין פערז, צו דער דריטער טאַנצט ער צו. דאָס זעלבע ווערט ווידערהאָלט מיט אַלע אותיות. יעדעס מאָל, ווען אַן אות טאַנצט צו נאָך זיין פערז, טאַנצן־מיט מיט אים אַלע אותיות וואָס זיינען אויף דער בינע.

די אותיות גייען ארויס איינס נאָכ'ן אַנדערען אין סדר פון אלף בית. זיי שטעלן זיך אויס אין אַ האַלב־רונדן קרייז. זיי קומען ארויס, זינגען און טאַנצן מיט די הענט פאַנאַנדערגעשפּרייט. זיי באַוועגן בלויז מיט די פיס און מיט'ן קאָפּ. זיי האַלטן זיך מעכאַניש אינ'ם סטיל פון פּופּן־טענץ.

אַז אַלע זיינען ערשינען, אָפּגעזונגען און צוגעטאַנצט, לאָזן זיי ארונטער די הענט, ווערן מער מענטשלאַך, טאַנצן אַלע צוזאַמען אַ טאַנץ צו דער פערטער מעלאַדיע פון דער ליד און צו דאָס גאַנצע ליד.

נאָכ'ן טאַנץ בלייבן זיי ווידער אין אַ האַלב־רונדן קרייז. זיי זעצן זיך אין אָריענטאַלישע פּאָזן. לויט'ן סדר פון אלף בית הייבט זיך אויף יעדער אות, זאָגט זיינע ווערטער און בלייבט שטיין.

**א: מיר זיינען אַלע גוטע אותיות. דער איינציקער וואָס איז בייז, איז דער בית.**

**ב: איך בין טאַקע בית אָבער איך טשעפּע קיינעם ניט.**

**ג: אָן מיר קען מען ניט שרייבן גוט.**

ד: ס'האָט אַמאָל אַ מיידעלע מיר זייער שלעכט געמאַכט, האָבן אַלע מיידעלאך אין קלאַס פון איר געלאַכט.

אַלע: כאַכאַכאַכאַ!

ה: העכער! העכער!

אַלע: (העכער) כאַכאַכאַכאַ!

ו: וואו? וואָס? ווען? וואו איז דאָס געשען?

ז: איך בין אַ „זין", דאַרף איך עפּעס זייען, זיי איך דורך די ציין. זזזזז!

ח: די חיה'ס, חיימס, חנהס און חנאָס. ווען איך וואָלט ניט געווען, וואָלטן זיי געדאַרפט הייסן אַנדערש.

ט: זיי ניט אַזאַ יחסן, ווען דו ביסט ניטאָ, שרייבן זיי זייער נאָמען מיט אַ :כ".

י: יאָ יאָ יאָ, אָבער וואָס וואָלט געווען ווען איך בין ניטאָ?

כ: כאַכאַכאַכאַ! כאָכאָכאָכאָ! ס'וואָלט געווען זייער שלעכט ווען מיר זיינען ניטאָ.

ל: דאָס בין איך דער שטאָלצער „למד", וואָס מ'דאַרף צו „לעבן".

מ: משה רבינו האָט מיך אַוועקגעשטעלט דער ערשטער אין זיין נאָמען, און פון דאַמאָלסט אָן, טוען עס אַלע משהס.

נ: און די מנשהס, און די מענדעלס און די מינדלס און די מאָטלס און די מתתיהוס און די מנוחהס און די מרימס?

מ: אויך אַזוי.

ס: איכל אייך פרעגן אַ רעטעניש. וואָס איז דאָס? איך שטיי פון פאָרענט, הינטער מיר שטייט עמעלע?

אַלע: סעמעלע!

ע: און ווער שטייט אין סעמעלע דריי מאָל?

אַלע: דו, דער „עין". לאָמיר אַלע שרייען: עין, עין, עין!

פ: איך בין אַ „פּ" און אַ „פ". איך אַרבעט פאַר צוויי.

צ: אָן מיר קען מען קיין צוויי ניט ציילן.

ק: אָן מיר איז קענען קיין קענען ניט.

ר: קינדער, געדענקט! איך בין אַ„ריש", אָבער ניט קיין אַר, איר פאַרשטייט?

ש: איז שלום אַ שיין וואָרט?

אלע: זייער אַ שיינער וואָרט.

ש: נו, שטיי איך מיר דער ערשטער אין שלום.

ת: ווי דער „פּ“ בין איך צוויי, א „ת“ און אַ „תּ“. כ'האָב זיך פאַרשפּעטיגט, שטיי איך ביים סוף.

אלאַ: דדד!

(ס'קומט ארויס דער „ד“, שטעלט זיך אין פאָדערגרונט)

אלע: בבב!

(דער „בית“ שטעלט זיך לעבן „ד“).
אוי אוי אוי! (דער „ו“ לעבן „ב“).
ררר! (דער „ר“ לעבן „ו“).
ללל! (דער למד לעבן „ה“).
עעע! (דער „עין“ לעבן „ה“).

אלע: דבורהלע! דבורהלע! דבו־רה־לע!!!

די מוזיק שפּילט „דעם טאַנץ פון די פּליוטן. דאָס וואָרט „דבורה'לע“ טאַנצט.

נאָכ'ן טאַנצן שפּילט "Babes In Toyland" פון וויקטאָר הער־בערט. די זיבן אותיות מאַרשירן ארוין אויגס נאָכ'ן אַנדערן אין זייערע פּלעצער אין אַלף בית, וועלכע זיינען געבליבן אָפן פאַר זיי.

אַלע הייבן אויף די הענט, ווערן צוריק מעכאַניש, מאַרשירן צו די מוזיק אין אַ שיינעם געדרייטן מאַרש. די מוזיק בלייבט שטיל אין מיטן אַ פראַזע. די אותיות בלייבן שטיין, לאָזן ארונטער די הענט.

דבורה'לע הייבט זיך אויף, האַלב שלאָפעדיק, האַלב וואַך גייט זי צו צום בוך.

דבורה'לע: דער גאַנצער בוך איז ליידיק, איצט וועל איך ניט האָבן וואָס צו לערנען.

אותיות: (עטליכע מיט אַמאָל, אייטאָניג און מעכאַניש) מיר וועלן אריין צוריק אין בוך, ועסטו אונז לערנען.

דבורהלע: אָבער איך קען אייך שוין.

די אותיות: מיר וועלן דיר ברענגען א סך חכמה, וועסטו האָבן וואָס צו לערנען.

דבורהלע: אָבער איך האָב ניט ליב קיין חכמה.

די אותיות: האָסטו ליב נאַרעשקייט?

דבורהלע: ניין.

די אותיות: אויב אזוי, מוזטו אויסקלייבן, נארישקייט אדער חכמה.

דבורהלע: (טראכט א ווײלע) איך וויל בעסער חכמה.

די אותיות: אויב אזוי וועלן מיר אריין צוריק אין בוך און מירן דיר ברענגען חכמה.

דבורהלע: אט אין דעם לערבוך מיינעם? איך וויל ניט, דאס איז דער ערשטער בוך, איך וויל דעם צווייטן, דעם דריטן און דעם פערטן.

די אותיות: נו גוט, דו וועסט אונז געפינען אין אלע אידישע ביכער.

דבורהלע: (דערפרייט) אין אלע?

די אותיות: אין אלע.

דבורהלע: און איר וועט זינגען און טאנצן און גיין אויסגע־פוצט?

די אותיות: מירן ניט זינגען און ניט טאנצן. מירן ריידן שטילערהייט, און מירן גיין אנגעטאן אין שווארצע קליידעלאך. אבער דו וועסט אונז ליב האבן סיווי.

דבורהלע: פארוואס וועל איך אייך ליב האבן?

די אותיות: ווייל וואס מער מ'קען אונז, אלץ מער האט מען אונז ליב.

די איבעריקע אותיות: אודאי! אודאי! אודאי!

דבורהלע: איך וועל אייך ליב האבן, איך האב אייך שוין ליב. גייט ניט אוועק. בלייבט דא מיט מיר.

די אותיות: אזוי ווי מיר זעען איצט אויס, קענען מיר ניט בלייבן. מיר מוזן אריין צוריק אין בוך, אבער דו וועסט אונז זען אין אלע ביכער.

דבורהלע: אפשר קענט איר בלייבן צו מיין געבורטסטאג שמחה? מיינע חבר'טעס וואס קענען אייך ניט, און ווילן אייך ניט קענען, זיי מיינען אז איר זייט ניט שיין. זיי וועלן זען ווי שיין איר זייט.

די אותיות: זיי קענען אונז ניט זען.

דבורהלע: פאר וואס?

די אותיות: ווייל זיי קוקן אויף גויאיש.

דבורהלע: ווי קען מען קוקן אויף גויאיש?

די אותיות: מיט אַ גויאיש הארץ, קוקט מען אויף גויאיש.

דבורהלע: אָבער מ׳קוקט דאָך מיט די אויגן, ניט מיטן הארץ.

די אותיות: מ׳קוקט מיט ביידע.

דבורהלע: דאָס האָב איך ניט געוואוסט. אָבער בלייבט אויף מיין געבורטסטאָג שמחה. מיין מאַמע האָט געזאָגט ס׳וועט ניט זיין קיין שמחה, אָבער ס׳וועט זיין. איך וויים.

די אותיות: פון וואַנען ווייסטו?

דבורהלע: ווייל מיין מאַמע טוט אַ סך מאָל אַנדערש ווי זי זאָגט. און איצט האָט זי שוין אויסגעבאַקן די קוכן און איינגעקויפט די גוטע זאכן. ס׳וועט זיכער זיין אַ שמחה. בלייבט, איך בעט אייך. ס׳וועט זיין אזוי שיין.

די אותיות: מיר קענען ניט.

די איבעריקע: יאָ, מיר קענען ניט.

די אותיות: זיי געזונט דבורהלע און האָב אַ פריילאַכן געבורטסטאָג!

די איבעריקע: און האָב אַ סך פריילאַכע טעג.

די אותיות: און געפין אונז אין די ביכער.

די אַנדערע: און האָב אונז ליב.

דבורהלע: יאָ, איך וועל אייך ליב האָבן און איך וועל אייך זוכן אין אַלע אידישע ביכער.

(עס הייבט אָן שפילן "Babes In Toyland" זיי הייבן אויף די הענט, ווערן שטייף און מעכאַניש און מאַרשירן אריין אין בוך. דבורה׳לע קוקט זיי נאָך און מאַכט צו זיי מיט׳ן האַנט.)

פאָרהאנג.

## די פערזן וואָס דער אלף בית זינגט:

**א**

איך בין דער ערשטער
אין אלף בית צו שטיין.
אָן מיר קען דער אלף בית
זיך גאָר ניט באַגיין (טאַנצט)

**ב**

מיך רופט מען בייז
און איך וויים ניט פאַר וואָס,
כ'האָב אַ פינטעלע הארץ,
כ'בין אַ גוטינקער אות. (טאַנצט)

**ג**

כ'קען ניט געפינען
קיין גראַם צו אַ גימל.
אויף דר'ערד איז ניטאָ
כ'וועל עס זוכן אין הימל. (טאַנצט)

**ה**

אַ „ה" דאַרף מען האָבן,
צו „האָבן" און צו „הערן".
איך האָב ליב זיין א „היי"
און איך בין עס זייער גערן. (טאַנצט)

**ו**

איך בין דאַר ווי אַ שטעקן
און פאַרנעם ווייניק אָרט.
אז מען שטעלט מיך ניט קרום
שטיי איך גלייך אין אַ וואָרט. (טאַנצט)

ז

מיך דאַרף מען האָבן
צו „זיין" און צו „זען".
אָן מיר וואָלט דער אלף בית
זייענדלאָז געווען.
(טאַנצט)

ח

איך בין א יחסן
פון גאָר אַלטע צייטן.
כ'וויל ניט איר זאָלט
אויף א „כ" מיך פאַרבייטן.
(טאַנצט)

ט

איך אין טעאַטער
מוז אַלע מאָל שטיין.
כ'קען זיך ניט זעצן,
כ'קען מיר ניט גיין.
(טאַנצט)

י

כ'האָב קיין מילך ניט געטרונקען
און בין געבליבן קליין.
נאָר דער אלף בית אָן מיר
קען זיך גאָר ניט באַגיין.
(טאַנצט)

ל

איך בין דער למד
אין שרייבן בין איך דין.
כ'האָב א טבע זיך צו דרייען
אהער און אהין.
(טאַנצט)

## מ

איך קום פון מצרים,
איך פאַרנעם אַ וויכטיק אָרט.
דער שלאָס „מ" מיין ברודער
שטייט צום סוף פון אַ וואָרט.
(טאַנצט)

## נ

כ'בין אַ קאַטשערקע צום שרייבן,
כ'בין אַ ביסל אויסגעבויגן,
נאָר ביים סוף פון אַ וואָרט,
שטיי איך גלייך אויסגעצויגן.
(טאַנצט)

## ס

מיך דאַרף מען נויטיק
אין דער אידישער שפּראַך.
די ליטוואַקעס נוצן
מיך זייער אַ סך.
(טאַנצט)

## ע

איך בין אַ ע
און מיין נאָמען איז עין.
מיין נאָמען איז אַלט,
נאָר איך וויל ניט קיין נייען.
(טאַנצט)

## פּ

פון פראָסט און פון פייער
בין איך דער „פּ".
און אז איך האָב אַ קליין פּינטעלע
ווער איך אַ „פּ".
(טאַנצט)

## צ

מיך רופט מען „צאַדיק",
איך וויים ניט וואָרום.
איך קען גאָר ניט דאַווענען.
איך בין גאָר ניט פרום.
(טאַנצט)

## ק

מ'דאַרף מיך צו „קלערן".
מיין נאָמען איז קוף;
אליין האָב איך גאָר ניט,
קיין קאָפּ אויף מיין גוף.
(טאַנצט)

## ר

כ'האָב פיינט זיך צו פּוצן,
כ'בין אַן איינפאַכער ריש;
אַז מען מאַכט מיך ניט ריכטיק
בין איך זייער בייז.
(טאַנצט)

## ש

כ'בין אַ שיינער שטאָלצער שין.
כ'בין זייער שיין געמאַכט.
כ'האָב דריי קלוגע קעפּעלאַך,
זיץ איך מיר און טראַכט.
(טאַנצט)

## ת

מיך האָט מען אין אלף בית
געשטעלט גאָר צום סוף.
אָבער תורה הייבט זיך אָן
מיט מיר, מיטן „ת".
(טאַנצט)